# מיט א טיפערן בליק

## פרשת בשלח תשפ"א

## דער איד טוט אלעס און גארנישט!

בס"ד

א גוטן טייערע חבירים וידידים..!

**וַיְהִי בְּשַׁלַּח פַּרְעֹה אֶת הָעָם... וַיֵּהָפֵךְ לְבַב פַּרְעֹה וַעֲבָדָיו...** די אידישע קינדער זענען שוין ארויס פון לאנד מצרים, אבער ווידער טרעפן זיי זיך אין א גרויסע צרה וואס שטייגט גאר איבער די פריערדיגע, מיט זייערע גאנצע משפחות און פארמעגן שטייען זיי פארן ברויזענדן ים, ווען פון אונטער זיי רוקן זיך די מצריים נענטער און נענטער, ס'קוקט אויס ווי דאס איז עס, ס'איז נישט פארהאן וואו אהין צו לויפן... פון גרויס צובראכנקייט פאנגן די אידישע קינדער אָן צו שרייען צו משה רבינו **הֲמִבְּלִי אֵין קְבָרִים בְּמִצְרַיִם לְקַחְתָּנוּ לָמוּת בַּמִּדְבָּר מַה זֹּאת עָשִׂיתָ לָּנוּ לְהוֹצִיאָנוּ מִמִּצְרָיִם?** האט דען געפעלט קברים אין מצרים וואו אונז צו באערדיגן? פונקט דא אהער האסטו אונז געמוזט ברענגען אז מיר זאלן אויסשטארבן אינעם וויסטן מדבר?!. השי"ת זאגט צוריק צו משה: **מַה תִּצְעַק אֵלָי דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִסָּעוּ** – פארוואס שרייסטו צו מיר מיט תפילות, רעד צו די אידישע קינדער אז זיי זאלן זיך ציהען, וואס דאס מיינט אין אנדערע ווערטער בורא עולם זאגט פאר משה אז די אידן זאלן ממשיך זיין אין ים אריין אין ס'וועט זיך פאר זיי שפאלטן.

ווי נאר מען לערנט די פסוקים פרעגט זיך: א. וואס איז פשט פון די ווערטער וואס הקב"ה זאגט פאר משה "מה תצעק אלי" בפשטות איז דאך דאס דער יסוד פון א איד אז אין איעדע שווערע מצב שרייט מען צום בורא עולם, וואס דען זאל א איד טון אין א עת צרה? אבער פון די לשון איז משמע אז ס'איז פארהאן געוויסע מצבים אין וועלכע ס'פארלאנגט זיך עפעס אַן אנדערע עבודה? ב. הקב"ה זאגט פאר משה רבינו מיט אזא פשטות "זאג פאר די אידישע קינדער אז זיי זאלן נישט שרייען צו מיר, נאר 'ויסעו' אריין טאנצן אין ים", לאמיר זיך מתבונן זיין פון וואנעט האבן די אידישע קינדער געדארפט וויסן אז ס'פארלאנגט זיך פון אונז אזא דרגא פון מסירת נפש, אריין טאנצן אין ים איז דאך נישט קיין פשוטע זאך אבער דאך טרעפט מען אז די לשון איז "וואס שרייט איר צו מיר? טאנץ אריין!" כמעט ווי א טענה אויף זיי פארוואס זיי האבן דאס נישט אליינס פארשטאנען, כאילו ס'איז זעלבסט פארשטענדליך אז דאס איז וואס ס'פארלאנגט זיך אין דעם מינוט?

סוף פרשה טרעפן מיר די באקאנטע מלחמה וואס כלל ישראל האט געפירט מיט עמלק, די פסוק דערציילט אונז אז משה רבינו האט געבעטן פון יהושע אויסצוּוועלן געלונגענע מענער און ארויסגיין מלחמה האלטן, און משה האט געזאגט אז אין די צייט פון די מלחמה וועט ער ארויף גיין אויף א הויכן פלאץ מיט די שטעקן וואס האט געברענגט נסים אין די הענט, און די פסוק דערציילט אונז אז אזוי איז טאקע געווען, **וְהָיָה כַּאֲשֶׁר יָרִים מֹשֶׁה יָדוֹ וְגָבַר יִשְׂרָאֵל וגו'**, אז ווען משה רבינו האט אויפגעהויבן זיינע הענט צום הימל, האט כלל ישראל זיך געשטארקט און באזיגט עמלק, און ווען משה האט אראפגעלייגט זיינע הענט האט זיך עמלק געשטארקט, און די תורה הק' גייט אריין אין דערציילט אונז מיט אלע דעטאלן ווי אזוי אהרן און חוּר האבן ביידע געהאלפן משה רבינו האלטן די הענט אין די הייעך אזוי ארום האט מען געוואונען די מלחמה מיט עמלק.

ווי פארשטענדליך איז פארהאן א אומגעהויערע טיפקייט אין דער גאנצע ענין, לאמיר אבער פראבירן זיך אביסל פארטיפן אין דער ענין: א. פארוואס איז די תורה הק' אזוי מאריך אין דער ענין? ב. וואס איז פשט פון אונזער רבי'ס אויפהייבן די הענט צום הימל, וואס זאגט עס פאר אונז? ג. ווי קומט דער ענין דווקא דא סוף פרשת בשלח? און אזוי פרעגט זיך פיל נאך.

אבער איידער מיר גייען צו די תשובות, קודם א מעשה'לע וואס די וועלט דערציילט: א חסיד מיט'ן נאמען ר' דוד'ל איז אמאל געקומען צו זיין רבי'ן און געזאגט רבי איך האב נישט קיין פרנסה, האט אים דער צדיק געפרעגט וואס טוסטו דערצו? וואס הייסט וואס איך טו, איך טו אסאך, איך האלט אין איין טון... נו זאג שוין וואס? פרעגט דער רבי, רבי איך טו "גארנישט", דאס איז אויך א קונץ, איך האלט אין איין טון "גארנישט", איך בין עוסק אין "גארנישט", ווייל איך פארלאז זיך אויפן בורא עולם און איך גלייב באמונה שלימה אז ער קען מיר העלפן, און ער קען מיר שיקן אלעס וואס איך דארף, און ממילא וואס עפעס דארף איך טוען".

דער רבי האט זיך צושמייכלט און מיט ווארעמקייט געזאגט, אמת ר' דוד אז אין אידישקייט איז דא אזא גרויסע מדריגה פון אמונה און בטחון אז דער מענטש טוט גארנישט און פארלאזט זיך אינגאנצן אויף בורא עולם, אבער טייערע ר' דוד איך שפיר אז דיין עוסק זיין אין גארנישט קומט נישט פון דעם הייליגן פלאץ פון השלך על ה' יהבך, ס'קומט גאר פון א פלאץ וואס האט מיט אַן אנדערע יסוד וואס רופט זיך עצלות פוילקייט, אדער אפשר פון דעם אנדערןווינקל וואס רופט זיך ייאוש, האסט שוין אסאך מאל פראבירט צו טון פארשידענע זאכן און ס'האט נישט געקלאפט און דערפאר האסטו אויפגעגעבן מיט'ן איינרעדעניש פון אמונה און בטחון, און אזוי האט דער רבי מאריך געווען צו ערקלערן פאר ר' דוד אז נישט יעדער קען זיך אזוי גרינג אָנהענגען אין די ריכטיגע מידת הבטחון.

ר' דוד איז ארויסגעקומען פון זיין רבי'ס שטוב פיל מיט חיזוק און פרישקייט, ער האט טאקע אנערקענט אז די בטחון דינט ביי איהם אלס א שטיקל תירוץ נישט צו ארבעטן, און ער דארף זיך טאקע נעמען אין די הענט אריין און אנהייבן טוען למעשה... ער האט זיך גענומען קלעבן צעטליך אין די גאנצע שטאט אז ער זוכט אַן ארבעט, און ס'האט נישט גענומען לאנג, איין זאך האט געברענגט די צווייטע, די מזל האט אנגעהויבן צו שיינען, די פרנסה האט זיך גענומען בליען, ביז נאך א שטיק צייט האט ער זיך שוין פארדינט דעם טיטל 'הרבני הנגיד'.

עטליכע וואכן זענען אריבער, דער נגיד ר' דוד שטייט ווייטערביים רבי'ן און דער רבי פרעגט ר' דוד וואס מאכט איר? ווי גייען זאכן? און ר' דוד פאנגט אָן געבן פונקטליכע באריכטן פון זיינע לעצטיגע פארצווייגטע געשעפטן, און ווי אזוי ער האט מצליח געווען צו א גרויסע פארמעגן אין אזא קורצע צייט, ער האט צווישן די שורות גאר שטארק ארויסגעברענגט ווי אזוי ער האט מיט זיינע געוואלדיגע כוחות און טאלאנטן אויפגענומען די ריכטיגע מענטשן און ארבעטער אין ווי אלעס פאָרט אזוי געוואלדיג גוט, אז לויט ווי ס'קוקט אויס וועט ער אין די גאָר נאנטע צוקונפט זיין פון די רייכסטע אידן אין שטעטל...

דער רבי צושמייכלט זיך און זאגט ר' דוד ס'איז א געוואלדיגע הנאה צו הערן, אבער איך מיין אז ס'איז צייט צו אנפאנגן עוסק זיין אביסל אין דער ענין פון **"גארנישט"**, יעצט איז די צייט צו ארבעטן אויף א פרישע עבודה, צו וויסן אז כאטש מיר טוען טאקע אונזער השתדלות, דאָך ווייסט א איד מיט קלארקייט אז מיר טוען באמת גארנישט נאר ס'איז אלעס פון בורא עולם... [יא ס'האט גענומען עטליכע מינוט אבער ר' דוד האט צום סוף פאשטאנען וואס זיין רבי פארלאנגט פון אים].

ברידער ס'ליינט זיך מיט א שמייכל, אבער וויפיל מאל מאכט זיך אין אונזער לעבן אט דעם פאסירונג, און טאקע פון ביידע זייטן, צומאל ווען ס'פארלאנגט זיך פון אונז די עבודה פון השתדלות, דאן נעמען מיר דעם גרינגן וועג ארויס אונטערן שלייער פון אמונה און בטחון אז ס'וועט שוין זיין גוט, וויפיל מאל הערט מען "וואס קען איך טוען, אזוי איז עס, דער רבש"ע וועט שוין העלפן", אדער מ'הייבט אָן צו לאזן זאכן לויפן פון זיך אליין ווייל דער אדער יענער וועט קומען צו הילף, אדער מ'האפט סתם אז זאכן וועלן זיך שוין טוישן, "וועסט זעהן אז ווען ער וועט עלטער ווערן וועלן די פראבלעמען אוועק גיין" וכדומה, און מ'ווארפט אראפ פון זיך דעם עול כאטש אין הארץ ווייסן מיר אז הקב"ה פארלאנגט פון אונז צו טוען אונזער חלק, אזוי האט בורא עולם באשאפן די וועלט אז מיר דארפן אנהייבן און טוען אונזער חלק, ווי ס'רופט זיך אין די ספרים הקדשים אִתְעֲרוּתָא דִלְתַתָּא [א התעוררות פון אונטן, וואס דארף קומען פון אונזער זייט אויף די וועלט] און דאס איז מעורר א אִתְעֲרוּתָא דִלְעֵילָא [השפעות וואס קומען אראפ פון אויבן]. אבער צומאל איז עס פשוט צו-שווער אדער צו-גרויס און דערפאר טוען מיר נישט די ריכטיגע שריט, אבער נישט צוליב גרויס בטחון, נאר פשוט ווייל מיר האבן א פחד פון א דורכפאל, אדער צומאל האבן מיר שוין פראבירט און ס'איז שוין אדורך געפאלן און דערפאר געבן מיר אויף, מיר זענען זיך מייאש, און אמאל קען זיין אז מיר זענען פשוט פויל, דער מענטש האט נישט די ריכטיגע געדולד און יישב הדעת, אדער אמאל מאכט זיך אז מיר זענען גרייט אבער מיר ווייסן נישט וואס צו טוען, וועמען צו פרעגן, אדער מיר שעמען זיך צו טוען די נויטיגע פעולות צוליב בושה אדער אנדערע אומבאקוועמליכקייטן. אבער דער סוף פסוק פון דאס אלעס איז די זעלבע, דער מענטש דרייט זיך ארויס פון טוען די ריכטיגע השתדלות שרייענדיג אז דער רבש"ע וועט שוין העלפן. אמת אז ס'איז פארהאן אזא יסוד אין די עבודה פון אמונה און בטחון, און אמאל איז דא א ענין פון אינגאנצן אויפגעבן ווי מיר האבן שוין אסאך געשמועסט, אבער דאס איז נאר שייך ווען ס'קומט פון אַן אמת'ע פלאץ אינעם מענטש, נישט ווען ס'איז פשוט די גרינגסטע וועג ארויס, און מען זוכט בלויז צו בארואיגן דעם מח אז עפעס וועט שוין זיין, וואו ווער וואס און ווען ווייס איך נישט, אבער השי"ת וועט שוין העלפן.

פון די אנדערע זייט פאלן מיר גאר אסאך אריין אין דעם נעץ פונעם יצר וואס מאכט אונז שפירן אז מיר טוען אויף גאָר אסאך, און אז ס'האט אלעס מיט אונזער הארעוואניע, דער מענטש רעדט זיך איין "ס'איז מיין השתדלות וואס ברענגט די פירות, ס'איז מיין חכמה און פארשטאנד וואס האט מיר געברענגט צו די הצלחה". ווי וויכטיג דארף מען אין דעם מינוט אלעס אפשטעלן און זיך גאר שטארק מתבונן זיין אין דעם הייליגן יסוד וואס חז"ל לערנען אונז אז **אֵין אדם נוקף אצבעו מלמטה אלא אם כן מכריזין עליו מלמעלה** אפילו א קליינע קלאפ אין די פינגער קומט נישט אָן א ספעציעלע באפעל פון אויבן, און איעדע קליינע ריר וואס דער מענטש געבט, ווערט אלעס געפירט דורך דער מלך העולם, אבינו שבשמים, און דער מענטש מאכט נישט און טוט נישט בכלל. יא הקב"ה פארלאנגט פון אונז השתדלות, און אמת מיר דארפן טוען אונזער חלק, און מעגליך אז ס'קען אמאל אויסקוקן ווי אונזער השתדלות האט געברענגט די פירות, אבער אז מ'קוקט מיט א ריכטיגע בליק ווייסט מען אז ס'איז נישט דער מענטש וואס ברענגט די תוצאות, דער סוקסעס און הצלחה איז א בלויזע מתנה פון אבינו שבשמים, און דאס אז מיר זענען זוכה צומאל צו זעהן און צו שפירן אז אונזער ארבעט האט געברענגט גוטע רעזולטאטן דאס אליין איז א ריינע געשאנק פון בורא עולם.

איידער מיר זענען ממשיך מיט'ן פארשטיין וואס עס טוט זיך אפ אין אונזער פרשה, איז כדאי אביסל צוריק צו קוקן און זיך אביסל פארטיפן אין וואס מיר געפונען אין פרשת בא. נאכדעם וואס די מצריים זענען אריבער מכת חושך, זאגט אונז די תורה הק' איבער די מצוה פון החודש הזה לכם ראש חדשים – די באקאנטע מצוה פון ראש חודש, דערנאך די מצוה פון קרבן פסח, און פון דארט גייט מען צוריק צו די צענטע מכה פון מכת בכורות, און הקב"ה זאגט אונז אז די צוויי זאכן זענען טאקע פארבינדן, ווייל דורך דעם וואס מען וועט שפריצן די בלוט אויף די שוועל פונעם שטוב וועט הקב"ה איבערהיפן די אידישע שטיבער און אזוי ווייטער.

ווי נאר מען מען טוט זיך פארטיפן באמערקט זיך קלאר אז עפעס האט זיך גאר שטארק געטוישט דארט ביי מכת בכורות, ביז די לעצטע מכה זענען די אידשע קינדער נישט געווען קיין שום חלק אין די גרויסע ניסים, פארקערט הקב"ה האט זיי געוויזן די אלע וואונדער, ווי די פסוק זאגט **וּלְמַעַן תְּסַפֵּר בְּאָזְנֵי בִנְךָ וּבֶן בִּנְךָ אֵת אֲשֶׁר הִתְעַלַּלְתִּי בְּמִצְרַיִם וְאֶת אֹתֹתַי אֲשֶׁר שַׂמְתִּי בָם וִידַעְתֶּם כִּי אֲנִי ה'** – אלעס איז פאָרגעקומען מיטן ציל אריין צו פלאנצן אין די אידישע קינדער א ריינע אמונה און בטחון אז אלעס קומט בלויז פון השי"ת. ביז ס'איז געקומען צו מכת בכורות, דא פלוצלינג טוען זיך זאכן גענצליך טוישן, צו ערשט באקומען מיר די ערשטע מצוה פון החודש הזה לכם, דערנאך דער ענין פון קרבן פסח וואו מיר מוזן שוין טוען געוויסע פעולות כדי אז השי"ת זאל איבערהיפן אונזערע הייזער, און נאר נאכדעם קומט מכת בכורות, פארוואס איז דאס טאקע צוגעגאנגען אויף דעם אופן?

דער תירוץ איז גאנץ פשוט, ביז מכת בכורות זענען די אידישע קינדער נאכנישט ארויס פון מצרים, מיר זענען נאך געווען פארזינקען אין מצרים און מ'האט געדארפט אויפבויען און אוועקשטעלן אונזער אמונה און בטחון, די אידן זענען געזעצן איינגעלייגט און מיטגעהאלטן (להבדיל אזוי ווי א מענטש וואס זיצט און קוקט צו א פאָרשטעלונג) ווי הקב"ה באשטראפט די מצריים, און ער איז דער וואס פירט און מאכט אלעס וואס ס'פאסירט אויף די וועלט, אלעס איז געווען פאר די מטרה פון **וִידַעְתֶּם כִּי אֲנִי ה'**.

אבער ווען ס'איז געקומען צו מכת בכורות דא פאסירט שוין גאנץ עפעס אנדערש, אט האלטן מיר ביים לעצטן שטאפל אין גלות, די אידישע קינדער גייען אט אט 'ארויסגיין' פון מצרים, די גאולה איז שוין אויפן וועג, דא פארלאנגט זיך שוין צו טוען א פעולה, דא וויל השי"ת אז דער אידעלע זאל זיין א 'חלק' פון דעם נס, ס'איז נישט גענוג אז מיר זאלן שטיין און זיך צוקוקן, נאר ס'איז שוין צייט צו ווערן א חלק פון הקב"ה'ס מיליטער און מיט מסירת נפש ארויסווייזן אונזער עכטע אמונה און בטחון, א זאך וואס האט זיך טאקע קלאר ארויסגעוויזן ביי די מצוה פון קרבן פסח.

אויב מיינען מיר אז מקיים צו זיין די מצוה פון קרבן פסח אין מצרים איז געווען אזוי גרינג, לערנען אונז חז"ל אז דאס איז געווען גאר א שווערע עבודה, די שעפעלעך זענען געווען די עבודה זרה פון די מצריים, און ס'האט געפאדערט א שטארקע קוראזש זיך צו גיין שלאגן מיט די מצריים, ס'איז געווען א עבודה פון מסירות נפש זיך קעגן צו שטעלן קעגן די מצריים און זייער גלויבן. און לאמיר נישט פארגעסן אז די אידן זענען דעמאלטס געווען אין א מצב פון מ"ט שערי טומאה, זיי זענען נאך אלץ געווען אונטער די שווערע נעגל פון די מצריים נאך אזוי פיל יאר גלות און פיינונגען, און אפילו נאכדעם וואס דער אייבישטער האט זיי געוויזן אזויפיל נסים ונפלאות, דאָך אבער שטייט פרעה פעלזן פעסט און ער האלט זיי נישט ביים ארויסלאזן, עס זעהט עפעס אויס ווי די מצריים האלטן זיך

נישט ביים ברעכן און זענען נאך מסוגל ח"ו צו האלטן די אידן פארשקלאפט אין מצרים, אבער אז דער אייבישטער הייסט נעמען א קרבן און זיך רייצן דערמיט מיט די מצריים, יעדער איד זאל שוין שלעפן זיין בהמה עטליכע טעג פריער און עס צובינדן צום בעט אפענערהייט, און דערנאך עס שחט'ן און שמירן די בלוט אויפן טיר מיט שטאלץ און זיכערקייט, דאס האט פארלאנגט אויסטערליש שטארקע כוחות, אבער די אידן האבן געפאלגט, זיי זענען אריינגעשפרינגען מיט א התלהבות אין די מצוה צו טוען דעם רצון ה' און דערמיט האט כלל ישראל צום ערשטן מאל ארויסגעוויזן טאטע אין הימל מיר זענען צו דיר געטריי, דא וואוינט א איד אַן עבד ה'.

**דערמיט לערנט אונז הקב"ה אז ווען ס'קומט צו 'ארויסגיין' לחירות, ווען ס'קומט די מינוט וואס דער מענטש וויל פיזיש ארויסקריכן פון גלות צו גאולה פארלאנגט זיך אז מיר זאלן 'טוען', ס'פארלאנגט זיך אז מיר זאלן ברענגען און מאכן די אִתְעֲרוּתָא דִלְתַתָּא פון אונטן, יא, שפרינג אריין מיט מסירות נפש און נעם זיך טוען למעשה, ווייל פון הימל איז מען מחשיב און מען וואַרט אויף דיין מעשה דא אונטן, און דאס וועט שוין ברענגען די אִתְעֲרוּתָא דִלְעֵילָא אונז צו העלפן און באגלייטן צום קומעדיגן שטאפל אדער פלאץ וואו מיר דארפן אנקומען.**

דער ענין איז טאקע אויך קלאר מרומז אין די מצוה פון ראש חודש, די איינציגסטע טאג וואס ווערט מקודש על פי בית דין, אנדערש ווי שבת וואס ווערט געהייליגט פון הימל יעדע זיבעטע טאג, החודש הזה '**לכם**' האט השי"ת איבערגעגעבן אין די הענט פון כלל ישראל, דער בית דין של מטה איז מקדש דעם טאג, זיי מאכן דעם אִתְעֲרוּתָא דִלְתַתָּא, זיי האבן א כוח צו נעמען א וואכנדיגע טאג און מיט זייערע רייד פון מויל דאס הייליגן, און דער בית דין של מעלה שטעלט זיך צו פון אויבן און פאלגט נאך אונזער פעולה וואס מיר טוען אויף די וועלט, און לויט דעם ווערן געהייליגט אלע ימים טובים און זמנים, און די גאנצע בריאה אלעס פאָרט מיט דעם כוח וואס השי"ת האט אונז געגעבן במתנה אז מיר קענען 'טוען' און הימל וואַרט מען אויף אונזער פעולה.

אז מיר דערהערן ריכטיג דעם יסוד, איז דאָך דאס ממש געקניפט און געבינדן צו וואס מיר געפונען דא אין פרשת בשלח. הקב"ה קומט און זאגט פאר משה **מַה תִּצְעַק אֵלָי דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִסָּעוּ** – פארוואס שרייסטו צו מיר, יעצט דארף מען פאָרן און ממשיך זיין אין ים אריין, און ווי מיר האבן מדייק געווען, לכאורה וואס פאר א טענה איז דאס, און פון וואו האט מען ערווארטעט אז די אידן זאלן וויסן אז דאס דארפן זיי יעצט טוען. אבער דער תירוץ איז, אז שטייענדיג נאך מכת בכורות, נאכן קרבן פסח און נאכן מצוה פון החודש הזה לכם, ווען מיר זענען קלאר געווואר געווארן דעם גרויסן יסוד אז עס פארלאנגט זיך מסירות נפש, ווען מ'וויל ארויסגיין פון גלות און זוכה זיין צו גאולה, דאַן דארף מען אנהייבן צו 'טוען' למעשה, מ'קען שוין נישט זיצן מיט פארלייגטע הענט און ווארטן אז השי"ת זאל טוען פאר אונז די גאנצע עבודה, אדרבה, מיר מוזן ערוועקן די גאלה און די ישועה דורך אונזער אִתְעֲרוּתָא דִלְתַתָּא, און אפילו אויב ס'קומט מיט'ן פרייז פון זיך איינשטעלן דאס לעבן און זיך גיין רייצן מיט די מצריים, דאָך האט דער איד די כוחות און ער פארמאגט אינערליכע מסירות נפש וואס מיט דעם איז ער ביכולת צו ערוועקן די ישועה, דעמאלטס איז דאך שוין גאר פשוט וואס הקב"ה פארלאנגט פון אונז 'ויסעו – שפרינג אריין' **האסט דאך שוין געזעהן, און דו ווייסט שוין גאנץ גוט אז די ביסט א שטיק נס, האסט דאך שוין געזעהן אז ווען דער איד טוט מיט מסירת נפש איז הקב"ה אייביג דארט, האסט דאך שוין געזעהן אז ס'איז דא אויף וואס זיך צו פארלאזן**, אויב אזוי פארוואס שטייסטו און פארוואסט שרייסטו, אדרבה, הייב אָן צו טוען, שפרינג אריין און דער ישועה וועט דארט זיין ס'וועט זיך שפאלטן...

עטליכע יאר צוריק איז גאר באקאנט געווארן די פאלגנדע מעשה, מיר האבן געהערט די מעשה פון א חשובע רב שליט"א וואס האט עס דערציילט מיט די נעמען און געזאגט אז ער קען זיך מיט איינע פון זיי.

א איד אין ירושלים מיר וועלן אים רופן ר' ישראל, איז געזעסן און געלערנט יומם ולילה, ממש נישט מפסיק געווען אויף א מינוט, ויהי היום ס'איז געקומען חתונה צו מאכן די קינדער און ס'איז נישט געווען קיין פרוטה אין שטוב, אבער דער איד האט געלעבט דעם השלך על ה' יהבך, און ער האט געלעבט מיט זיכערקייט אז די ישועה וועט קומען. זיין ווייב אבער האט נישט געקענט פארנעמען די צער און עגמת נפש, און זי איז געגאנגען צו זייער רב און זיך אויסגעוויינט דאס הארץ אויף זייער מצב, דער רב האט טאקע גלאזט רופן דעם אינגערמאן און אים געהייסן אז כאטש וואס ער ווייסט אז זיין אמונה און בטחון איז אמת'דיג און ריין, דאָך פארלאנגט זיך אבער עפעס א קליין ביסל השתדלות און דאס ליגט אויף אים אלץ א חיוב.

ר' ישראל האט געזאגט פארן רב ער האט נישט קיין השגה וואס צו טוען, ער קען זיך בכלל נישט אויס אין די וועלט פון מסחר אדער געשעפטן – וואס זאל איך טוען? דער רב האט אים מיט ווארימקייט מסביר געווען אז השתדלות מיינט בכלל נישט קיין גרויסע געשעפטן, ס'מיינט אפילו נאר א קליינע פעולה מיט מסירות נפש, עפעס וואס קומט דיר אָן שווער, אבער עפעס.

צווישן די שורות האט דער רב געזאגט אפשר שיק ארויס צדקה בריוולעך קיין אמעריקע, כאטש וועסטו האבן עפעס פראבירט, עפעס א קליינע השתדלות. ר' ישראל האט תיכף געפאלגט און גענומען שאפן אמעריקאנע אדרעסן אפשר וועט דאס זיין זיין ביסל השתדלות, פלוצלינג פאלט אים איין א מחשבה **"ווער זאגט אז איך דארף שיקן עטליכע בריוו'ן, אפשר איז גענוג אז איך שיק איין איינציג בריוו? אלץ חיוב השתדלות איז דאך איינס אויך גענוג"**, געטראכט און געטוען, איין בריוו, אבער דאס איינע האט ער געטוען בשלימות, ער האט אריין געלייגט א בריוו פון אים מיט זיין בני בית, אויך א בריוו פון זיין טאכטער די כלה און א הארציגע המלצה פון זייער רב, און אזוי ווייטער... מיט טרערן האט ער עס פארמאכט און מיט א תפילה האט ער געבטן צום רבוש"ע אז דערמיט זאל ער האבן יוצא געווען זיין חיוב השתדלות.

פלעטבוש ניו יארק – ס'איז א רואיגע דינסטאג נאכמיטאג ביי ר' וואלף אין געשעפט, ווען פלוצלינג באקומט ער א שרעקליכע טעלעפאון קאל, ס'איז א הצלה מעמבער וואס איז אים מודיע אז זיין איינציג טאכטער איז געווען פארמישט אין א שווערע עקסידענט רח"ל, זי איז יעצט אויפן וועג אין שפיטאל, און ער זאל וואס שנעלער אהין קומען.

ר' וואלף זיצט אין קאר, אין קאפ לויפן מחשבות, ער ווייסט נישט וואס צו ערווארטן, ווען פלוצלינג טראכט ער צו זיך, איין מינוט לאז מיר רופן מיין רבי'ן מזכיר זיין, ער פארבינט זיך מיט זיין רבי און נאך עטליכע מינוט זאגט אים די רבי א הייליגע סגולה צו געבן צדקה פאר הכנסת כלה, ווי ס'שטייט אין ספרים אז מיר זאגן ביים דאווענען אין די משנה פון 'אלו דברים' וּבִקּוּר חוֹלִים וְהַכְנָסַת כַּלָּה וּלְוָיַת הַמֵּת וכו' און דערמיט איז מרומז אז אויב וויל מען העלפן א חולה זאל בלייבן לעבן און האבן א רפואה, זאל מען געבן פאר הכנסת כלה, און דערפאר שטייט עס צווישן 'ביקור חולים' און 'לויית המת', ווייל די זכות פון הכנסת כלה קען מֵגִן

זיין און איבער האקן צווישן דער חולה און מיתה רח"ל, און דער רבי האט אים שטארק אנגעוואונטשן לרפואה שלימה.

אומר ועושה, ר' וואלף האט זיך אונטער גענומען א ריזן סומע געלט וואס קאסט חתונה צו מאכן א קינד אלס א זכות רפואה פון זיין טאכטער, אנקומענדיג אין שפיטאל האט מען שוין געהערט עטוואס בעסערע נייעס ווי ס'האט אויסגעזעהן אין די מינוטן נאכן עקסידענט, און ווי א טאג ס'איז אריבער איז די מצב געווארן בעסער און בעסער ב"ה.

איר קענט זיך דאך אוודאי אליין פארשטעלן די המשך המעשה, טאקע דעם חתונה בריוול וואס ר' ישראל האט ארויסגעשיקט פון ארץ ישראל איז אנגעקומען צום פאסט קעסטל דעם זעלבן טאג פונעם עקסידענט אין ניו יארק, און ר' וואלף האט דאס געזעהן אלס א זעלטענע השגחה פרטית פון הימל, און ער האט זיך טאקע אריין געלייגט אינעם צוועק, ער האט זיך פארבינדן קיין ארץ ישראל, און זוכה געווען צו באצאלן אלע הוצאת החתונה פון ר' ישראל'ס טאכטער, ער האט מקיים געווען די מצוה פון הכנסת כלה בשלימות און זיין טאכטער איז ניצל געווארן ממות לחיים און האט זוכה געווען צו א רפואה שלימה.

טייערע ברידער און שוועסטער, די מעשה פארמאגט אין זיך פילע נקודות און אויסטערלישע אפענע התגלות אין דער ענין פון השגחה פרטית, אבער פאר אונז ליגט איין יסוד וואס איז כדי צו באמערקן, בורא עולם מאכט ניסים ונפלאות, אבער צו די זעלבע צייט פארלאנגט זיך פון אונז השתדלות, השי"ת ווארט אויף אונזערע פעולות אז מיר זאלן 'טוען' כדי צו ערוועקן די רחמי שמים און די ישועות פון הימל.

איעדער פון אונז דארף זיך כסדר פרעגן וואס טו איך? וויפיל טו איך? דארף איך טוען מער? וויפיל איז מיין חיוב השתדלות אויף די וועלט, און יא אמת אז צומאל באלאנגט די שאלה צו א רב, רבי, אדער משפיע, ס'איז א שאלה וואס דארף ווערן אדורך געהארעוועט, און ס'האט נישט קיין שנעלע און גרינגע תשובה, אבער איין זאך איז קלאר אז אויף אונז ליגט דעם הייליגן חוב צו מאכן זיכער אז מיר טוען, אויב ווילן מיר ארויסגיין מאפילה לאורה, אויב ווארטן מיר אויף ניסים דארפן מיר אריין שפרינגען, און נישט סתם א שפרינג וואס קומט פון זיצן מיט פארלייגטע הענט, נאר א שפרינג וואס פארמאגט אין זיך מסירות נפש, א פעולה וואס קען אויסזעהן קליין אבער ס'נעמט כוחות הנפש, דער מענטש טוט, ער רופט אויס רבוש"ע 'הנני' אט בין איך גרייט צו טוען ווייל איך וויס מיט א קלארקייט אז ווען א אידיש קינד טוט איז ער דערמיט מעורר אין הימל א אִיתְעֲרוּתָא דִלְעֵילָא וואס וועט קומען צו גיין מיט השפעות טובות.

ברידער לאמיר אוועקלייגן אין א זייט די אלע פוילע תירוצים און אויסריידן אז ס'איז נישט פאר מיר, איך קען נישט, כ'האב נישט וואס, מען ווארט נישט פאר מיר, ס'גייט מיר נישט, כ'האב נישט קיין כוח וכו', נאר לאמיר ארויף שאַרן די ארבעל און זאגן **"איך בין גרייט טאטע זיסע, איך וועל טוען אלעס וואס איך קען, איך וועל אריין טאנצן, איך בעט דיר שפאלט עס פאר מיר"**.

אבער דא קומען מיר צו צום מלחמת עמלק, ווייל איינמאל מ'הייבט אָן צו דערהערן דעם 'איך' אז איך דארף טוען און איך דארף אריינשפרינגען אין ים אריין און מאכן השתדלות, קען מען זיך אנהייבן איינצורעדן ח"ו אז כוחי ועוצם ידי האט עפעס א יכולת, און מיר זענען די וואס פירן אויס, דעריבער שטייט ביי די מלחמה פון כלל ישראל מיט עמלק אז ווען משה רבינו האט אויפגעהויבן זיינע הענט צום הימל, דעמאלטס האט כלל ישראל זיך געשטארקט און באזיגט עמלק, און ווי חכמינו ז"ל לערנען אונז אין מסכת ראש השנה (פ"ג מ"ח) **וְכִי יָדָיו שֶׁל מֹשֶׁה עוֹשׂוֹת מִלְחָמָה אוֹ שׁוֹבְרוֹת מִלְחָמָה, אֶלָּא לוֹמַר לְךָ, כָּל זְמַן שֶׁהָיוּ יִשְׂרָאֵל מִסְתַּכְּלִים כְּלַפֵּי מַעְלָה וּמְשַׁעְבְּדִין אֶת לִבָּם לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם הָיוּ מִתְגַּבְּרִים וְאִם לָאו הָיוּ נוֹפְלִין** אז אודאי די הענט פון משה רבינו האבן נישט געפירט די מלחמה, נאר די מטרה פון אויפהייבן זיינע הענט צום הימל, איז געווען אז די אידן זאלן דורכדעם אויך אויפהייבן זייערע אויגן און קוקן צום הימל, און געדענקן צו בייגן זייער הארץ צום אייבישטער, און דאס האט געברענגט די נצחון קעגן עמלק. ווייל ווען מ'הייבט אָן אליינס צו טוען קען מען אריינפאלן אין דעם סכנה'דיגע גלות פון זיך איינרעדן אז 'איך' טו עפעס, און אזוי אויך ביי יענע מלחמה ווען די אידן האבן געמוזט טוען למעשה און ארויסגיין אין מלחמה, האט מען אבער געדארפט האבן א כסדר'דיגע דערמאנונג צו קוקן אויף ארויף, אויפהייבן די אויגן צום הימל און וויסן און גלייבן אז השי"ת איז דער וואס טוט אלעס און אָן אים קענען מיר נישט רירן אן אבר. און ווי די תורה הק' איז מדגיש **"וַיְהִי יָדָיו אֱמוּנָה"** די הענט פון משה רבינו האבן אריינגעשיינט אין אונז אמונה, און אונז דערמאנט צו געדענקן און נישט פארגעסן אז אלעס, אלעס בלי שום יוצא מן הכלל, טוט נאר איין איינציגער באשעפער, און מיר האפן און בעטן נאר צו אים, טראץ אלע אונזערע פעולות און השתדלות וואס האבן נישט באמת א אייגענע ווערד.

און דאס איז דאך די הויכפונקט פון אונזער פרשה, די הייליגע שירה, כלל ישראל זינגט דעם הערליכן ניגון פון אז ישיר משה ובני ישראל, אפשר קען מען זאגן אז דוקא דא פאסט זיך א ניגון, ווייל דא זענען די אידישע קינדער טאקע אנגעקומען צו אט די שלימות'דיגע הכרה אז ס'איז כלל ישראל וואס טאנצט אריין, מיר טוען טאקע די פעולות, אבער ס'איז אלעס דעם **זה קֵלִי ואנוהו** ס'האט גארנישט מיט אונז, ס'איז בלויז דער ה' אחד ושמו אחד... דאס איז געווען די תכלית פון די שירה און הודאה, און וואו איז דען פארהאן א שענערע ניגון ווי דעם.

שטייענדיג יעצט אין די טעג פון דעם גרויסן זמן חמשה עשר בשבט, איז דאס אויך ענינא דיומא, מיר געפונען אין חז"ל (שבת ל"א.) אז משניות 'סדר זרעים' ווערט אנגערופן מיט'ן נאמען 'אמונה', און ווי תוספות זאגט דארט "שמאמין בחי העולמים וזורע". וויבאלד ווען א מענטש פלאַנצט און זייט איין, דעמאלטס אנערקענט ער הערשט אז דער מענטש'נס פעולה אליינס איז גארנישט ווערד. און ווי **הרה"ק בעל ישמח ישראל ז"ע** ערקלערט, אז אדרבה, די קערנדלעך וואס מ'זייט איין ווערן גאר פארפוילט און קאליע, און נאר השי"ת דארף שיקן רעגן און הילף פון הימל, און נאר ער איז דער וואס מאכט באמת וואקסן, און ממילא ווער עס פלאנצט 'זרעים' דער ווערט א מאמין בחי העולמים, וויבאלד ער קומט צו צו די קלארע הַכָּרָה און וויסנשאפט אז נאר השי"ת איז דער וואס גיבט איהם אלעס און מאכט אז ער זאל האבן.

און דאס איז איין לאנגע קייט וואס מיר לערנען זיך דא, אין מצרים האבן מיר געדארפט טוען מיט מסירות נפש כדי צו קענען אויסגעלייזט ווערן, דערנאך דארפן מיר שוין אליין פארשטיין ביים ים אז מ'דארף אריינשפרינגען, אבער נאך אלעם דארף מען אויפהייבן די אויגן צום הימל און געדענקן אז ס'איז נישט מער ווי אונזער השתדלות, אבער טוען טוט דער רבונו של עולם אלעס אלעס...

לסיכום געדענק:

- מיר דארפן טוען השתדלות, דער איד דארף אריין טאנצן.
- ווען מיר שפרינגען טוען זיך וואסערן שפאלטן.
- דער איד קוקט ארויף און געדענקט אז אלעס איז בורא עולם.

## א לעכטיגע שבת קודש!

זיך איינצושרייבן צו באקומען די "מיט א טיפערן בליק"
דורך אי-מעיל בעז"ה tiferenblik@gmail.com